# ערבֿ פֿרילינג*

עפּעס איז די לופֿט מעוברת,
און אַ פּנים — מיט אַ צווילינג.
כאַפּט אַ פֿרעסטל — דוכט זיך, ווינטער,
בלאָזט אַ ווינטל — דוכט זיך, פֿרילינג.

כ׳שטיי אויף פֿרי — דער דאַך געזילבערט
און אַ בעלמע אויף די שויבן;
דאָך אין דרויסן פֿליִען העבער
צו דעם הימל ווײַסע טויבן.

און די צעפּלעך אײַז, ווי ליכטלעך,
אָנגעצונדן מיט אַ העלן
שטראַל, צעשמעלצן זיך און טריפֿן, —
צי זיי וויינען, צי זיי קוועלן? ...

נעמט דעם לוח! — וואָס, אַ פֿרילינג?
ווייס איך, וואָס ער בעבעט דאָרטן!
ציגן זאָלן אַזוי וויסן
שפּרינגען אין דעם רבינס גאָרטן!

מאָל דיך, פֿרילינג איז נאָך ניט,
ס׳איז לעת־עתּה ערבֿ פֿרילינג,
און לעת־עתּה בלײַבֿ פֿאַרשפּיליעט —
קענסט נאָך כאַפּן אַ פֿאַרקילונג.

אָבער איך — איך הער קיין ווערלט נישט,
איך צעשפּיליע די קאַפּאָטע
און איך לויף אויף גאָטס באַראָט
טאַנצן מיט אַ שטראַל אין בלאָטע.

* השיר פורסם במהדורה המדעית חיים נחמן ביאליק: **שירים ביידיש, שירי ילדים, שירי הקדשה**, מהדורת חנא שמרוק ודן מירון, הוצאת דביר ומכון כץ לחקר הספרות העברית, אוניברסיטת תל־אביב, 2000, עמ׳ 65–68.

מיר געפֿעלט דער ערבֿ פֿרילינג,
דווקא ווי ער שטייט און גייט,
אָנגעטאָן אין שמאַטעס־וואָלקן
מיט אַ גאָלד'נעם שטראַל באַנייט.

איך האָב ליב זײַן קאַלטן ווינט,
וואָס ער פּאַטשט אין האַלדז און אַקן,
ווען פֿון פֿאָרנט קושן, הלובען,
זיסע ווינטלעך מײַנע באַקן.

מיך אַנטציקט זײַן פּיצל הימל,
וואָס אַנטבלויזט זיך פֿריש און איידל,
ווי דאָס יונגע פֿרומע לײַב
פֿון אַ ייִדיש כּשר מיידל.

כ'ווער צעשמאָלצן, כ'קוועל פֿאַר תּענוג,
ווען אַ ברען, אַ שטראַל אַ פֿרײַער
טאַנצט און שפּילט זיך מיט דעם שאָטן,
און דער שאָטן שפּילט מיט פֿײַער...

יאָ, כ'האָב ליב זײַן איידלען שפּילן
פֿון די דינסטע, ריינסטע גאַמען
ליכט און שאָטן... עפּעס האָט דאָס
טויזנט חנען, טויזנט טעמען;

עפּעס מינעט זיך די לופֿט,
ווי אַ כּלה בײַם איינגעמען ...
טוט אַ שײַן — און ווערט פֿאַרשעמט,
שטראַלט — און לאָזט אַראָפּ די ברעמען...

אָט ווערט ליכטיק, אָט ווערט טונקל
און אָט גיסן זיך צוזאַמען
ליכט מיט שאָטן... יאָ, דאָס האָט
טויזנט חנען, טויזנט טעמען...

און דער טײַך? — איר הערט זײַן קרעבצן
און זײַן סקריפּען פֿון דער ווײַטן?
עפּעס נעצט דאָרט, עפּעס פּלאַצט דאָרט,
עפּעס שפּאַרט דאָרט אין די זײַטן.

עפּעס רודערט זיך דאָרט אונטן...
באַלד, אָט באַלד וועט זיך באַווײַזן,
וואָס דערשטיקטע קרעפֿטן קענען,
ווי די נויט ברעכט אײַז און אײַזן...

אַלע שטראָמען שטילע וואַסער,
ווי מיט איין געדאַנק און עצה,
וועלן זיך אַ נעם טאָן 'ראַזאָם'
און אַ שפּאַר טאָן מיט איין פּלייצע —

'ראַזאָם, ברידער' — און צעבראָכן
מוז די גראָבע אײַזדעק ווערן,
די, וואָס האָט פֿון זיי פֿאַרשטעלט
הימל, זון, לבֿנה, שטערן.

און באַפֿרײַטע, ברייטע כוואַליעס
וועלן טרײַבן דורך די בריקן
גאַנצע מחנות שטיקער אײַז —
זיי צום שוואַרצן ים פֿאַרשיקן:

"גייט צו אַלדע שוואַרצע ימים!" —
און צעבראָכענע אויף פּיצלעך,
וועלן זיי אין וועג באַקומען
קאַלטע פּעטש מיט הייסע שמיצלעך.

פּאַטשן — וועלן שטרענגע כוואַליעס,
שמײַסן — וועלן ריטערשטראַלן;
פֿיש אין וואַסער וועלן זינגען,
שטומע שטיינער וועלן שאַלן... —

און דער טײַך, באַפֿרײַט און גליקלעך,
וועט זיך ברייט און ווײַט צעגיסן
און דעם ליבן שיינעם פֿרילינג
מיט אַ שמייכעלע באַגריסן...

## חיים נחמן ביאליק

# בִּפְרוֹס אָבִיב*

אֲוִיר מוּחָשׁ כִּמְעֻבֶּרֶת,
נִדְמֶה שֶׁיֵּשׁ לָהּ תְּאוֹמִים:
אִם כְּפוֹר יִצְבֹּט — הֲרֵי זֶה חֹרֶף,
וְאִם מַשָּׁב — אָבִיב נָעִים.

אֲנִי מַשְׁכִּים — הַגַּג מַכְסִיף,
עַל הַשִּׁמְשׁוֹת תִּבְלוּל קָלָל,
בַּחוּץ נוֹסְקוֹת בִּיעָף, בְּזִיו,
יוֹנִים צְחוֹרוֹת הַרְחֵק אֶל־עָל.

צְמוֹת הַקֶּרַח כְּנֵרוֹת
שֶׁנִּדְלְקוּ בְּקֶרֶן אוֹר,
כְּבָר נְמֵסוֹת וְנִגָּרוֹת —
בּוֹכוֹת אוֹ צוֹחֲקוֹת מִקֹּר.

'אָבִיב עַתָּה!' — אוֹמֵר הַלּוּחַ —
יָדַעְתִּי — זֶהוּ אֶץ קוֹצֵץ;
כָּךְ גַּם עִזִּים יוֹדְעוֹת — בָּטוּחַ! —
בְּגַן הָרַבִּי לְקַפֵּץ!

אָבִיב עֲדַיִן לֹא הִגִּיעַ,
שִׂים לֵב — אֲנַחְנוּ לְפָנָיו.
פְּרֹף כַּפְתּוֹרֶיךָ, בְּמַפְגִּיעַ,
פֶּן תִּצְטַנֵּן מַמָּשׁ עַכְשָׁיו.

אֵינִי מַקְשִׁיב לְקוֹל נָבוֹן —
פּוֹרֵשׂ קַפּוֹטָתִי בַּקֹּר
וָרָץ מַהֵר, לְלֹא חֶשְׁבּוֹן,
לִרְקֹד בַּבּוֹץ עִם קֶרֶן אוֹר.

* השיר תורגם בשעתו בידי אהרן צייטלין ופורסם בספר חיים נחמן ביאליק: **שיריו האידיים**, הוצאת דביר, תל־אביב, 1956, עמ' 67–71. כאן תורגם השיר מחדש בידי שלום לוריא.

פְּרוֹס־הָאָבִיב, הוֹ, מַה יָּפֶה לִי,
בִּדְמוּת טִבְעִית, עַתָּה כְּאָז,
לָבוּשׁ סְחָבוֹת־עָבִים, נִדְמֶה לִי,
שׁוּלָיו תְּפוּרִים בְּקֶרֶן פָּז.

אוֹהֵב אֲנִי גַּם רוּחַ כְּפוֹר
חוֹדֵר, סוֹטֵר צַוָּאר וָעֹרֶף,
עֵת לְחָיַי נוֹשֵׁק בְּקֹר
מַשָּׁב מָתוֹק שֶׁל שִׁלְהֵי חֹרֶף.

תַּלְהִיב אוֹתִי פִּסַּת שָׁמַיִם,
שֶׁמִּתְגַּלָּה זַכָּה, בָּרָה,
כְּמוֹ גוּף צָעִיר, חוֹשֵׂף שָׁדַיִם:
עַלְמָה יְהוּדִיָּה כְּשֵׁרָה.

אֲנִי נָמֵס, נָמוֹג, צוֹהֵל —
פִּתְאוֹם כְּוִיָּה. זוֹ קֶרֶן־אֵשׁ
פּוֹחֶזֶת בְּרִקּוּד עִם צֵל —
הַצֵּל הַמְשַׂחֵק בָּאֵשׁ.

אָהוּב עָלַי מִשְׂחַק הַקֶּבַע
בִּגְמוּת — פַּעַם־אַחַר־פַּעַם,
שֶׁל אוֹר וָצֵל וְקוֹל וְצֶבַע —
מָלֵא כָּל חֵן וְטוּב כָּל טַעַם.

אֲוִיר כְּבָר מְשַׁנֶּה פָּנָיו,
כְּמוֹ כַּלָּה בְּאֵרוּסֶיהָ —
כָּבָה נִדְלֶקֶת כְּמוֹ כּוֹכָב
וּמַשְׁפִּילָה אֶת עַפְעַפֶּיהָ.

זֶה הָאוֹרְצֵל פּוֹרֵשׂ סָדִין
וּמִתְלַבֵּד בְּלִי נַהַם זַעַם:
אוֹרָה וַעֲלָטָה לְסֵרוּגִין —
מָלֵא כָּל חֵן וְטוּב כָּל טַעַם.

וְהַנָּהָר? — גּוֹנֵחַ, מִתְפָּרֵעַ
בְּקוֹל חוֹרֵק מַחֲרִישׁ אָזְנַיִם,
דְּבַר־מָה נִפְעָר, נִבְקָע, פּוֹקֵעַ,
דְּבַר־מָה לוֹחֵץ שָׁם בְּמָתְנַיִם.

דְּבַר־מָה רוֹחֵשׁ שָׁם בַּמְּצוּלָה;
מִיָּד גַּם יִתְגַּלֶּה הַפֶּלֶא:
אֵיךְ מַפְלִיאָה עָצְמָה כְּבוּלָה
בַּסַּד לִשְׁבּוֹר כָּל כְּפוֹר וָפֶלֶד.

זִרְמֵי הָרֹגַע וְהַנַּחַת —
לְאוֹת סִסְמָה אַחַת מוֹשֶׁכֶת —
הֵם יַעֲנוּ לְצַו הַ׳יַּחַד!׳
וְאַף יַטּוּ בְּיַחַד שֶׁכֶם.

׳יַחְדָּיו, אַחִים!׳ — שֶׁרֶק יַפְצִיעַ
זֶה קִיר הַקֶּרַח הַקֵּרֵחַ,
הַמְּכַסֶּה פְּנֵי הָרָקִיעַ,
כּוֹכְבֵי מָרוֹם, חַמָּה, יָרֵחַ.

גַּלִּים בְּכָל אָפִיק וָדֶרֶךְ
יָשִׁיטוּ בֵּין גְּשָׁרִים בַּקֹּר
מַחֲנוֹת מַחֲנוֹת שֶׁל קַרְעֵי קֶרַח
יָשָׁר אֶל תְּהוֹם שֶׁל יָם שָׁחוֹר.

״לְכוּ לְכָל יַמֵּי הַחשֶׁךְ!״ —
קְצוּצִים, שְׁבוּרִים כַּחֲרָסִים —
בַּדֶּרֶךְ יְקַבְּלוּ בְּלִי קשִׁי
סְטִירוֹת קָרוֹת וּפַרְגּוֹלִים עַזִּים.

גַּלִּים קְשׁוּחִים יִרְבּוּ לִסְטוֹר,
יַכּוּ בְּחֹם קַרְנֵי־פַּרְגּוֹל,
דָּגִים יָשִׁירוּ שִׁיר מִזְמוֹר,
אַבְנֵי הַקִּיר יַשְׁמִיעוּ קוֹל...

נְהַר חַמִּים, חָפְשִׁי, חָבִיב
לִמְלוֹא כָּל רֹחַב יִשְׁתַּפֵּךְ:
אֶל מוּל יָפְיוֹ שֶׁל הָאָבִיב
הוּא יְחַיֵּךְ, גַּם יְבָרֵךְ.